בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

285

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ רֶעאַגִירְן וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?........................א

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וַוארְטֶענְדִיג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?..................ד

פַארְוָואס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין מִקְוֶה?......................................ז

גֶעמֶען אַ יוּנְג קִינְד קַיין אוּמַאן, כָאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי?...............י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

תְּהִלִּים אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה..........................................................א

אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט..............................א

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ רֵייכֶערְן..................................................ב

וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, קוּק צוּ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעקוּמֶען.................................ג

חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן זִיךְ צוּ שֶׁערְן דִי הָאר....................................................ג

אַז אִיר טְרַאכְט אַז יֶענֶער קוּקְט אַייךְ אַרָאפּ, אִיז דָאס אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם..........ו

תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶעכְט אַייזְן....................................................................ז

מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער.....................ז

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט רֵייכֶערְן..........................ח

גֶעלְט פוּן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, גֶעבּ עֶנְדֶערְשׁ פַאר צְדָקָה, צוּ פַארְדִינֶען זְכוּתִים..........ט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים..............................................יא

שִׂמְחָה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ.....................................יא

וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבְבִ"ים טֶעג?..................................יג

סֵדֶר הַנְּסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טֵבֵת תשפ"ג.................................................יד

זכות הקונטרס הוא
לרפואת העניא בת ראכל
בתשוח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ רֶעאַגִירְן וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען גֶעזֶעסְן נֶעכְטְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק צוּ דִי סְעוּדַּת הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר גֶעשְׁמַאק, אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם. יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוְו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט [דֶער בְּרִיוְו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוְו].

אֵיין זַאךְ הָאט מִיר נָאר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בָּחוּר נֶעמְט אַרוֹיס אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם כַאפְּן בִּילְדֶער, בַּיי אוּנְז אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע צוּ זֶען אַ חַסִידִי'שֶׁער בָּחוּר מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן.

דַארְף אִיךְ גָארְנִישְׁט טוּן אוּן גָארְנִישְׁט זָאגְן וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר נֶעמְט אַרוֹיס אַ סְמַארְטְפָאוֹן בַּיי אַ מְסִבָּה אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? אוּן בִּכְלָל, אוֹיבּ זֶע אִיךְ אַ בָּחוּר פוּן דִי חַבוּרָה וָואס נֶעמְט אַרוֹיס אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז אִיבֶּער פַאר דִי גַבָּאִים צוּ זָאגְן מוּסָר רֵייד, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶס אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט.

דו זָאלְסְט נֶעמֶען פַּאר דִיר דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל מוּסָר, אוֹיבּ מֶען זָאגְט דָאס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג - טוּט עֶס נִישְׁט אוֹיף, אוּן עֶס מַאכְט נָאר שָׁאדְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "אַף עַל פִּי שֶׁתּוֹכָחָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל", זָאגְן מוּסָר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, "אַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם רָאוּי לְהוֹכִיחַ", אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען מוּסָר זָאגְן. "כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבִּי עֲקִיבָא", אַזוֹי וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא זָאגְט (עֲרָכִין טז:) "תָּמֵהַּ אֲנִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, "אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה", אוֹיבּ אִיז דָא אִין אוּנְזֶער דוֹר, "מִי שֶׁיָּכוֹל לְהוֹכִיחַ" אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר; "וְאִם רַבִּי עֲקִיבָא אָמַר זֹאת בְּדוֹרוֹ", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, "כָּל שֶׁכֵּן בַּדּוֹר הַזֶּה שֶׁל עַכְשָׁו", אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין אוּנְזֶער דוֹר; "כִּי כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ", וַוייל אוֹיבּ דֶער מוּסָר זָאגֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, "אֲזַי לֹא דַּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט אוֹיפְטוּן דִי מוּסָר, "אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", נָאר עֶר וֶועט מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי וָואס הֶערְן זַיינֶע מוּסָר רֵייד, עֶר וֶועט זֵיי צֶעבְּרֶעכְן, "כִּי עַל יְדֵי תּוֹכַחְתּוֹ", וַוייל דוּרְךְ דִי מוּסָר - "הוּא מְעוֹרֵר הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁהוּא מוֹכִיחָם", צֶעקְלַאפְּט עֶר דִי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי וֶועלְן מֶער נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

טֶעלֶעפָאוֹנְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער דִי וֶועג פוּן שְׁרֵייעֶן אוּן מוּחֶה זַיין - הֶעלְפְט נִישְׁט. מִיר הָאבְּן גוּטֶע גַבָּאִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן; אַז דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס אִין שׁוּל וָואס שְׁטֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ דָאס דוּרְכְרֶעדְן מִיט זֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוֶונֶען אוּן מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט, דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן צוּ דִי גַבָּאִים, אוּן זֵיי הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא; זֵיי וֵוייסְן וִוי אַזוֹי, וִויפִיל אוּן וֶוען צוּ זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוְו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

גוּטֶע גְרוּסְן פוּן חַבּוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה; וֶוער עֶס פַּאלְט אַרַיין בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אוֹיף אַ תְּפִלָּה - וֶוערְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי אַחְדוּת אוּן וַוארֶעמְקֵייט וָואס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן אַייךְ, וּבְעִקָּר פוּן דִי תְּמִימוּת. עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי עֶנְק קַיין לֵיצָנוּת, דִי גוּטֶע גְרוּסְן גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען מִיר אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען דַאוֶוענְט מִיט זֵיי, מֶען זִינְגְט מִיט זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי תְּפִלָּה מַעֲשִׂיּוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוֹן", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאוִויסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וְוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אִין אַ נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם, ווִיל אִיךְ עֶנְק וִוינְטְשְׁן: "שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם, אוּן אַלֶע פוּן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן דִי גֶעפִיל צוּ עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר אַרְבֶּעטְן אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, אוֹיף חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב. מִיר לַיידְן פוּן דִי מְשׁוּגַעַת פוּן נַ נַחְ, דָאס מַאכְט אַ פַּחַד אוֹיף עֶלְטֶערְן; מֶען צִיטֶערְט אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע כִּתּוֹת וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף ווִילְד וְכוּ׳ וְכוּ׳. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יָארְן גֶעאַרְבֶּעט שַׁיין צוּ מַאכְן דֶעם רֶבִּינ׳ס נָאמֶען אוּן מִיר דַארְפְן מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דֶעם.

גֵייט הַפָּצָה, גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים און גִּלְיוֹנוֹת וָואס אִיז גֶענוּמֶען פון אֲשֶׁר בַּנַּחַל און פון דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן און גֶענוּמֶען פון לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת; חִיזוּק אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, חִיזוּק און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חִיזוּק און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַּאלְן וֶוען מֶען שְׁפֶּעט און מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, אַזוֹי גֵייט עֶס; וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִּקְדֻשָּׁה אִיז דָא אַ קוֹל הֲבָרָה, און זַייט מִתְפַּלֵּל מֶען זָאל עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וַוארְטֶענְדִיג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף קִינְדֶער עֶטְלִיכֶע יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס עֶנְטְפֶערְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט שׁוֹין אַ קִינְד און עֶר בֶּעט אַן עֵצָה און סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען, עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס קִינְד וָואס עֶר הָאט, און דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי עֵצָה אִיז אוֹיךְ פַאר אוּנְז, וָואס מִיר וַוארְטְן נָאךְ אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן קִינְד פַאר אַזוֹי לַאנְג, און אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נָאךְ חִיזוּק פַאר אוּנְז וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בִּשְׁעַת מִיר וַוארְטְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַוַדַאי אִיז דָאס אוֹיךְ פַּאר עֶלְטֶערְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען וַוארְט; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְּנְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן אִין הִימְל פַּאר יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

פַארְלִיר נִישְׁט פַּאר קַיין אֵיין רֶגַע דִי אֱמוּנָה. דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פַּאר קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע מַאמֶעס שָׂרָה, רִבְקָה אוּן רָחֵל הָאבְּן גֶעטוּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס זֶעעֶן מִיר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? 'אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָם כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן גְלַייךְ קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְתֵדַע לְךָ שֶׁכֵּן הוּא', אַ רַאיֶ' הָאסְטוּ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן שָׂרָה אִמֵּנוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יִצְחָק, אַזוֹי אוֹיךְ יִצְחָק אָבִינוּ אוּן רִבְקָה אִמֵּנוּ הָאבְּן גֶעוַוארְט צְוָואנְצִיג יָאר אוֹיף קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יַעֲקֹב, רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט גֶעוַוארְט פֶערְצְן יָאר אוֹיף קִינְדֶער, זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוֹיךְ זֶעט מֶען בַּיי חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס זִי הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן גֶעבּוֹירְן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, 'אֶלָּא עַל כָּרְחֲךָ צָרִיךְ אַתָּה לִתְפּוֹס בְּיָדְךָ מִידָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁאָמַרְתִּי לְךָ מִתְּחִלָּה, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן,

לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו״.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן. עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צְוֵוייטְנְס, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט סַבְלָנוּת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה.

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֵיין קִינְד, פִיר יָאר אַלְט, אָבֶּער אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעוויסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי גוּטֶע דָאקְטוֹרִים, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן, אוּן אִיךְ וויל נִישְׁט נֶעמֶען צוּפִיל רְפוּאוֹת פוּן זֵיי וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא עֶס וֶועט מִיר שָׁאטְן. אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען עֵצוֹת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ נִסִים. בִּפְרַט אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד, זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר טַייעֶרֶע קִינְד - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעב אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): "עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קנ, ו): "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ", אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם זָאל מֶען לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן כֹּ'ל הַ'נְּשָׁמָה תְּ'הַלֵּל אִיז נוֹטְרִיקוֹן דֶער הֵיילִיגֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה'; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "הַטּוֹב שִׁמְךָ וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת", דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן וּלְ'ךָ נָאֶ'ה לְהוֹדוֹ'ת אִיז אוֹיךְ נוֹטְרִיקוֹן דֶער הֵיילִיגְן שֵׁם, אוּן אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן פוּן מָשִׁיחַ אִיז אוֹיפְגֶעקְרִיצְט דֶער שֵׁם פוּן ת'כ'ה', אַזוֹי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט תכ"ה וְויפִיל מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד מִיטְן כּוֹלֵל, מִיט דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה' וֶועט מָשִׁיחַ מַכְנִיעַ זַיין אַלֶע רְשָׁעִים.

אַז אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער, אָן קַיין רְפוּאוֹת אוּן אָן קַיין דָאקְטוֹרִים].

...

### פַארְוָואס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אִין קְדוּשָׁה, בִּפְרַט אִין דִי נוֹשֵׂא פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין מִקְוֶה. פוּן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זִיךְ לֵיידֶער שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט דֶערְצוּ וַוייל קֵיינֶער הָאט מִיר עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער. בִּיז פַאר אַ תְּקוּפָה צוּרִיק בִּין אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעהִיטְן אִין מִקְוֶה אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אָבֶּער לֶעצְטְנְס הָאט מַיין יֵצֶר

הָרֶע זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אִין מִיר אוּן אִיךְ קֶען שְׁטֵיין אוּן קוּקְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט וְוי אַ מְשׁוּגֶענֶער; אִין מַיין קָאפּ בּוּזְשֶׁעוֶועט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְזֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע, אָבֶּער אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל אוּן דָאס פִּרְט מִיךְ שְׁפֶּעטֶער אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אִין דִי פְּלֶעצֶער וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען פְּרִיעֶר אוּן דָאס מָאל זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן צוּרִיק הַאלְטְן, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶעוִוינֶען מַיין יֵצֶר הָרָע.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וְוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי גֶעדִיכְטֶע בְּלָאטֶע פוּן שְׁטֵיין אוּן קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁמוּץ; אִין גַאס בִּין אִיךְ גַאנְץ אָפְּגֶעהִיטְן אָבֶּער אִין מִקְוֶה בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע אוּן אִיךְ זָאג צוּ מִיר: 'מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן, דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע?' אוּן הַלְוַאי זָאל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן צוּ זִיךְ: 'דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט!'

בִּיטֶע אוֹיבּ קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בִּיטֶע גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן בֶּעטְן פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵין סַרְסוּרִין דְּחַטָּאָה", דָאס הַארְץ אוּן אוֹיגְן זֶענֶען דִי מֶעקְלֶער פַאר עֲבֵירוֹת, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, "אִי יְהָבְתְּ לִי לִבָּךְ וְעֵינָךְ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן - "אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי", וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב): "מָה רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִּהְיוּ אַחֲרָיו", פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ? "לְפִי שֶׁהָעֲבֵרָה תְּלוּיָה בָּהֶם", וַוייל אִין דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דָאס טוּן עֲבֵירוֹת; "הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזּוֹנָה", וַוייל אַז מֶען

קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ", נָאכְדֶעם גְלִיסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, קוּקְן אִין מִקְוֶה אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעטוּן - אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ קְרַאנְקְהֵייט. מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", וֶועסְט מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן וָואס דוּ זֶעסְט; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ דָאס מֵיינְט מֶען, דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז פָּשׁוּט מְשׁוּגָע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו) אַז אַלֶע מְשׁוּגָעִים קוּמְט פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הוֹיבּ אָן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, הֶער אוֹיף קוּקְן אִין מִקְוֶה; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַפְקִיר זַיין דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז מֶען וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְפִירְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע", וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, "עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת.

הֶער אוֹיף קוּקְן. מֵיין נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן נִישְׁט קוּקְן נִיאוּף מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען מֵיינְט עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אָפְּצוּלָאזְן. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען קֶען אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיפְהֶערְן קוּקְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, גֵיי אַהִין אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי קְרַאנְק דוּ בִּיסְט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעדְרֵיידְט, אִיךְ בִּין זִיךְ מַפְקִיר מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, אִיךְ שְׁטֵיי אִין מִקְוֶה אוּן קוּק, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶועוּ מִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁנֶעל תְּשׁוּבָה טוּן.

## נֶעמֶען אַ יוּנְג קִינְד קַיין אוּמַאן, כָּאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז מַמָשׁ אַ מְחַיֶּה.

אַזוֹי וִוי עֶס הֶערְשְׁט יֶעצְט דִי מִלְחָמָה אִין אוּקְרַיינֶע, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ הָאבּ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ נֶעמֶען מַיין אִינְגְל קַיין אוּמַאן, אוֹיב עֶס אִיז כְּדַאי אִים יֶעצְט צוּ נֶעמֶען אַהִין פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ הִיבְּשׁ יוּנְגֶער אוּן עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אִיךְ ווֵייס דָאךְ נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, אוֹיב עֶס וֶועט זַיין שַׁיָּיךְ צוּ פָארְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן בִּיז וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין וֶוערְן אַבִּיסְל עֶלְטֶער אוּן יָא קֶענֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן פַאר דִי זִיבְּן יָאר - הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דָאס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר - דָאס אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", אִיךְ זָאג צוּ פַאר יֶעדְן קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַאר דִי זִיבְּן יָאר אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**תְּהִלִּים אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק**
**אַ מַתָּנָה פַאר ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

זָעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים - וֶועט אִיר זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

תְּהִלִּים אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה, תְּהִלִּים אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר אַלֶעס גוּטְס.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיט.): ״יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיּוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה״, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אוּנְטֶער דִי פְּלִיגְלֶעךְ פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן ׳חַיּוֹת׳ - אָנְצוּנֶעמֶען דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אִיז נִישְׁט וֶוען מֶען זָאגְט ׳יֶענֶער אִיז אַ

מְנִיוָול׳, דָאס מֵיינְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן; הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אִיז אַזוֹי וְוִי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אִיז אַזוֹי עֶקְלְדִיג וְוִי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט, מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מֶען זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט רֶעדְן אוּן הֶערְן קַיין נִיבּוּל פֶּה.

נִיבּוּל פֶּה אִיז אַזַא עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ; מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״נָאר אוֹיף נִיבּוּל פֶּה, אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְשִׁיקְן בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה״. מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אִיךְ הֶער נִיבּוּל פֶּה זָאל אִיךְ פַּארְשִׁיקְן דֶעם מְנִיוָול אוּן רַאטֶעוֶוען דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים.

אִיךְ בּוֹי דִי קְהִילָה מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס, אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ פוּן דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ: ״רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה״, אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט; רֶעדְט פוּן אַלֶעס - אַבִּי נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

...

### עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ רֵייכֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ רֵייכֶערְן.

אִיךְ וֵוייס אִינְגֶעלַייט וָואס קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן אוֹיפְהֶערְן רֵייכֶערְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁרֶעק וֶוען זֵייעֶר וַוייבּ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי גֵייעֶן מִיט רֵייכֶערְן - הָאבְּן זֵיי גֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט רֵייכֶערְן.

...

### וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, קוּק צוּ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי טוּ אָן תְּפִילִין, עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאסִירְן עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן אָנְטוּן תְּפִילִין, און אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֵייגְן תְּפִילִין אִינְדֶערְפְרִי - זָאלְסְטוּ אָנְטוּן תְּפִילִין וֶוען דוּ קֶענְסְט.

וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן. קוּק צוּ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעקוּמֶען, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נ׳ שַׁעֲרֵי טוּמְאָה פוּן קוּקְן דָאס עֶרְגְסְטֶע נִיאוּף. אַ שָׁאד פַאר אַזַא טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן ווִי דִיר, מִיט צְוֵויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - זָאל פַארְפַאלְן גֵיין. אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דֶעם טֶעלֶעפָאן, אַ שָׁאד צוּ פַארְלִירְן אַלֶעס צוּלִיבּ דֶעם טֶעלֶעפָאן.

בְּרוּדֶער, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס הָאט מִיט מִיר פַּאסִירְט? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? וָואס אִיז מִיט מִיר אַז אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת? גִּלּוּי עֲרָיוֹת, נִיאוּף, לִכְלוּךְ, זֻהֲמָה; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אַוֶועק וַוארְפְן דִי עֲבֵירוֹת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נָאר דִיךְ זֶען, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חִיזוּק פַאר פְּרוּוְוען זִיךְ צוּ שֶׁערְן דִי הָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ מְחַזֵק זַיין און שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער. וַוייל בַּיי עֶנְק אִיז נִישְׁטָא דִי

גֶעדַאנְק פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אִיר הָאט דָאס גֶעטוּן ווַייל אִיר הֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיר לֵיינְט אִין דִי בְּרִיוו דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן; עֶר בֶּעט אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אֲשֶׁר בַּנַחַל, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי טְרֶעף אִיךְ אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (מִכְתָּב מ' תתקעד) פַאר דִי יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ אִין יַבְנְאֵל, תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אִינֶעם בְּרִיוו צְוֵויי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם צַדִיק - דֶער נַאסוֹידֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶענוּמֶען ווִי אַ רֶמֶז פוּן הִימְל אִיךְ זָאל דָאס אַייךְ שְׁרַייבְּן, דָאס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק.

דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן נַאסוֹידֶער רָב אִים אַיינְלַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ צוּ זַיין זוּנ'ס בַּר מִצְוָה, דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל בְּשׁוּם אֵין פָּנִים גֵיין"; דֶער אִיד הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר פְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס?!" זָאגְט דֶער צַדִיק: "אוֹי ווִי בִּיטֶער אִיז אַז דִי פְרוֹי גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר אוּן מֶען זֶעט דָאס אַרוֹיס, דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט אָרֶעמְקֵייט".

דֶער אִיד אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט זַיין ווַייבּ: "דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז 'אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען גֵייט מִיט אָפֶענֶע הָאר וֶועט מֶען לַיידְן'", וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי זִיךְ גְלַייךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן. דֶער אִיד אִיז צוּרִיק צוּם צַדִיק, דֶערְצֵיילְן וָואס זַיין ווַייבּ הָאט גֶעטוּן. הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי קוּם אִיךְ צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ וַואשְׁן פַאר דִי סְעוּדַת מִצְוָה, ווַייל אַז דִי פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר - אִיז דִי סְעוּדָה אַ סְעוּדַת מִצְוָה".

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דִי יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ אִין יַבְנְאֵל, זַיינֶע תַּלְמִידוֹת. אַ פְרוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּם נַאסוֹידֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹיפִיל יָאר, אוּן זִי אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער. פְרֶעגְט דֶער צַדִיק:

"און וָואס אִיז מִיט דִי הָאר?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען און גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר".

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, דִי פְרוֹי אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין און גֶעוֵויינְט: "אִיךְ דַארְף אַ אִינְגְל", אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, בִּיז דֶער גַבְּאַי זָאגְט אִיר: "וָואס פַארְשְׁטֵייט אִיר נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועט אִיר הָאבְּן אַ אִינְגְל!" אִיז זִי אַרוֹיס, זִי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּשֶׁערְן און זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בִּיז אַ יָאר מִיט אַ זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע אִינְגְל.

דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ קִינְד, וָואס דַארְף אִיךְ יֶעצְט פָאלְגְן דֶעם צַדִיק? אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן מַיינֶע הָאר', אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט שֶׁערְן, בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער אִינְגְל קְרַאנְק גֶעוָוארְן. זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם צַדִיק וֵויינֶען: "רֶבִּי, מַיין אֵיינְצִיג קִינְד אִיז קְרַאנְק, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה!" דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: "וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אַז אִיר שֶׁערְט זִיךְ מֶער נִישְׁט...?" בְּקִיצוּר הַמַּעֲשֶׂה, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט גוּט.

מוֹהֲרָא"ש פִירְט אוֹיס, זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין דִי נִסָּיוֹן, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִיר הָאר וִויכְטִיגֶער פוּן דִי קִינְדֶער, זִי הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם קִינְד. מוֹהֲרָא"ש פִירְט אוֹיס אִינֶעם בְּרִיוו: "אֲנִי מְאוֹד מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶן", אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, "אָנָא תּוֹרִידוּ אֶת הַשְּׂעָרוֹת", אִיךְ בֶּעט עֶנְק שֶׁערְט אַייךְ אָפּ דִי הָאר, "כְּמוֹ שֶׁרִבְבוֹת רִבְבוֹת כְּשֵׁרוֹת עוֹשׂוֹת בִּירוּשָׁלַיִם, בִּבְנֵי בְּרַק, בְּאַשְׁדּוֹד, בִּבְרוּקְלִין", אַזוֹי וִוי דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער פְרוֹיעֶן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, פוּן בְּנֵי בְּרַק, פוּן אַשְׁדּוֹד און פוּן בְּרוּקְלִין, "וּבְכָל מָקוֹם שֶׁרַק נִמְצָאוֹת נָשִׁים חֲרֵדִיּוֹת הוֹרִידוּ אֶת הַשְּׂעָרוֹת", און וואו אִימֶער עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זֵיי זִיךְ אָפּ דִי הָאר.

מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, אַז גְלַייךְ נָאכְן לֵיינֶען אַייעֶר מַאן'ס בְּרִיוו, וִוי עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר חִיזּוּק וֶוערְטֶער פוּן

דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם עֶפְן אִיךְ דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וואוּ אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ זֶע פַּאר מַיינֶע אוֹיגְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיר טְרַאכְט אַז יֶענֶער קוּקְט אַייךְ אַרָאפּ, אִיז דָאס אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס הָאט מִיט אַייךְ, עֶס אִיז אִין אַייעֶר מֹחַ. אַז אִיר טְרַאכְט אַז יֶענֶער קוּקְט אוֹיף אַייךְ מִיט צֶען קֶעפּ הֶעכֶער - אִיז דָאס אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם; עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְּן אַייךְ אוּן עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן אוּנְז אַלֶע.

אֲפִילוּ וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶער גְרוֹיסְט זִיךְ, יֶענֶער מַאכְט אַייךְ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אָדֶער זִי אִיז מִיט צֶען קֶעפּ הֶעכֶער - זָאל אַייךְ דָאס אוֹיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן. טְרַאכְטְס: ׳קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן - נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאפֶעלְט׳. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז:): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה״, אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דִי פִינְגֶער, ״אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה״, נָאר אוֹיבּ מֶען רוּפְט דָאס אוֹיס פוּן הִימְל.

זָאגְט תְּהִלִּים. הַלְוַאי וָואלְט אִיר גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן יֶעדֶע וָואךְ מְסַיֵּים זַיין נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים. בֶּעטְס פַאר אַייךְ, בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, וּבִפְרַט יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט אִין דִי טֶעג פוּן וַוארְטְן וְכוּ׳ - דַארְפְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים, בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶעכְט אַייזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִי שׁוּל אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוְונֶען.

תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶעכְט אַייזְן; דוּ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן אַלֶע זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִיק. אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס שֵׂכְל׳דִיג אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אָנְקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֵדֶר אוּן אִין בְּרֶסְלֶב׳עֶר סְקוּל - דָאךְ אִיז תְּפִלָּה שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט קִינְדֶער, מֶען דַארְף אַסַאךְ גֶעדוּלְד זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין, זֵיי אוֹיפְצִיעֶן; עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי שְׁוֶועֶרֶע הָארֶעוַואנְיֶע.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי כַאפְּן נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן גֵייןְ אִין בֵּית הַכִּסֵא, זֵיי מַאכְן אִין דִי קְלֵיידֶער וְכוּ׳ - טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען. מֶען דַארְף וִויסְן, אַזוֹי וִוי מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן - טָאר מֶען נִישְׁט

טְשֶׁעפֶּען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, און אוֹי וִוי גֶעפֶערְלִיךְ אִיז וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; זֵיי וַואקְסְן אוֹיף פֶּעלֶערְדִיג, זֵיי בְּלַייבְּן פַארְמַאכְט זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען און פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, וַוייל וִוי קְלֵיין קִינְדֶער זֶענֶען - וֵוייסְן זֵיי און פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, זֵיי וֵויי טוּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס. בֶּעט מִיט דַיין וַוייבּ פַאר יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ אוֹיף דֶעם, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען גְרִינְג צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, און בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, תְּפִילּוֹת פוּן עֶלְטֶערְן הֶעלְפְט דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און נִישְׁט רֵייכֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ', און אַז אַלֶע פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; דַארְפְסְט נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִינְגֶעלַייט שְׁטֵייעֶן אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און רֵייכֶערְן. עֶס זֶענֶען

דָא וָואס זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֵייכֶערְן פוּן פְרִיעֶר, אֵיידֶער זֵייעֶר הִתְקַרְבוּת וְכוּ׳.

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן נִישְׁט רֵייכֶערְן, אוּן אוֹיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַנְדֶערֶע, נָאר זֶען דָאס גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע; אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעלְט פוּן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, גֶעבּ עֶנְדֶערְשׁ פַאר צְדָקָה, צוּ פַארְדִינֶען זְכוּתִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נַחַת צוּ זֶען ווִי דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט. עֶס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט צוּ זֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ אוֹיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט. מַאךְ זִיךְ אַ צַייט אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אָדֶער אֵיינְמָאל אִין צְוֵויי וָואכְן וָואס דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן בְּרֶענְג דִי גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד. מִיר פְּלָאגְן זִיךְ זֵייעֶר; ווִי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען צָאלְן דִי וָואךְ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, דִי קַאסֶע אִיז אִין אַ לָאךְ.

עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט דִי אַלֶע וָואס מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי גֶעלְט וָואס דוּ ווִילְסְט אוֹיסְגֶעבְּן פַאר דִי שִׂמְחָה אוּן טוּן צְדָקָה מִיט דֶעם. אַז דוּ מַאכְסְט בַּר מִצְוָה זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דַיין זוּן: "וואוּ זָאלְן מִיר גֶעבְּן דִי גֶעלְט וָואס מִיר וָואלְטְן וֶוען אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר אַ זַאל, פַאר אַ שְׁפִּילֶער, פַאר אַ וֶועיטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳? וואוּ זָאלְן מִיר גֶעבְּן דִי גֶעלְט לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה - אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ צַדִיק?

אַז דוּ מַאכְסְט חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיט דַיין מְחוּתָּן אוּן בֵּיידֶע

אִינְאֵיינֶעם זָאלְט אִיר פְרֶעגְן דִי חָתָן כַּלָּה, וָואס פַאר אַ צְדָקָה זָאלְן מִיר טוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס מִיר וָואלְטְן וֶוען אוֹיסְגֶעגֶעבְּן, זָאלְן מִיר אוֹיסְצָאלְן דִי מְלַמְּדִים דִי וָואךְ פוּן דִי חֲתוּנָה?

עֶס קָאסְט אוּנְז כְּהַיּוֹם דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ וָואךְ צוּ צָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׁיסְל פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס: ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, מָאנְרָא, שְׁטֶעטְל, טְבֶרְיָ׳ אוּן יְרוּשָׁלַיִם.

אָדֶער אַ וָואךְ פַאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל? כְּהַיּוֹם דַארְפְן מִיר אַ וָואךְ פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט.

אָדֶער אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אִין חַבַּ״ד; זֵייעֶרֶע רֶבַּיִים הָאבְּן אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר אוּן חָתָן דְרוּקְט אַ סֵפֶר לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה. אֶפְשָׁר נֶעם דִי גֶעלְט פוּן דַיין שִׂמְחָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייזְן אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן.

פַארְוָואס אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ וַואךְ נַאכְט? מֶען אִיז מְפַרְסֵם אִין דִי בְּלֶעטֶער אַז מֶען קֶען הָאבְּן אַ וַואךְ נַאכְט פַאר בְּלוֹיז נַיינְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער; גִיוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, נַיינְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער קֶען מֶען צָאלְן צְוֵויי מְלַמְּדִים פַאר אַ וָואךְ, פַארְוָואס זָאל מֶען אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט? פַארְוָואס מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת? הֶעלְף מִיט דַיין גֶעלְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר בְּרֵאשִׁית. דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעטַאנְצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה: ״חֲזַק, חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!״ מִיר הָאבְּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, מִיר זֶענֶען אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת; נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז וַוייט פוּן לֶערְנֶען - אוּן אִים מַאכְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי קְרִיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ; הֵן מִיט דִי גַּבָּאוּת, אוּן הֵן מִיט דִי שֵׁיינֶע קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל. דִי מְפִיצִים זֶענֶען דָאס מֵפִיץ, זֵיי זָאגְן אַלֶע אַז דָאס גֵייט זֵייעֶר גוּט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ׳.

אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, נִישְׁט נָאר וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס צוּ זָאגְן וָואס מֶען זָאל פַארְעֶכְטְן.

אִיךְ וִויל מְעוֹרֵר זַיין. פָארִיגֶע וָואךְ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אִיז גֶעוֶוען בַּיים ״בִּילְד צוּ דֶערְקֶענֶען״ גֶעשְׁרִיבְּן אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן - דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין יַבְנְאֵל, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר עֶדְלְשְׁטֵיין שְׁלִיטָ״א. עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן שֶׁלֹּא בְּכָבוֹד, סְתָּם זַיין נָאמֶען, אָן קַיין ״הָרַב״ אוּן אָן קַיין ״שְׁלִיטָ״א״. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין יַבְנְאֵל אִיז אַ גָאוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן דֶער חַבְרוּתָא פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר קֶען שַׁ״ס בַּעַל פֶּה בְּלִי גוּזְמָא. מֶען קֶען זִיךְ דָאס אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן; וואוּ מֶען פְרֶעגְט אִים אִין שַׁ״ס - אִיז עֶר דָארְט בָּקִי.

בִּיטֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.
בִּיטֶע דְרוּקְן דֶעם בְּרִיוו אִינֶעם בְּלֶעטְל.

...

## שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּפְרָט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן פוּן פַאר שַׁבָּת מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ שַׁבָּת, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת צא) מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מִיט אִים; אַז מֶען הָאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אוּן עֶר אִיז דָבוּק צוּם צַדִּיק אֱמֶת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים - אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג) "אַנְפִּין נְהוֹרִין" אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים - "פָּנִים דִּקְדֻשָּׁה", "בְּחִינַת חַיִּים" דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, דָאס אִיז לֶעבְּן, "אַנְפִּין חֲשׁוֹכִין" אוּן אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים, "סִטְרָא אָחֳרָא", אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, "בְּחִינַת מִיתָה", מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן מַיין קָאפּ בִּיז מַיין פִּיס. אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶעם שַׁבָּת שְׁרֵייט מֶען: "חֲזַק חֲזַק!" מִיר עֶנְדִיגְן סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן סֵפֶר שְׁמוֹת. זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל אָנְצוּהוֹיבְּן סֵפֶר שְׁמוֹת, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם, מִיט רַשִׁ"י.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ"ים טֶעג?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן אַרַיין הַיינְט אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִ"ים. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז אִין דִי וָואכְן קֶענֶען מִיר מְתַקֵן זַיין אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵן זַיין, בִּפְרַט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; אִין דִי טֶעג קֶען מֶען דָאס פַארְרֶעכְטְן.

וָואס טוּט מֶען צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי פְּגָמִים? מוֹהֲרַא"שׁ חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל תּוֹרָה, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רֶעכְן אִיךְ עֶנְק אַזוֹי וִוי אִיר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דָאס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ.

תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף צוּגֵיין מִיט שִׂמְחָה, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז סַם הַמָוֶת. עַצְבוּת אַז מֶען לָאזְט דָאס אִין זִיךְ - קֶען זִיךְ דָאס צֶעשְׁפְּרֵייטְן וִוי אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער גוּפְט, אוּן וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין צֶעשְׁפְּרֵייט - אִיז דָאס שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ טְרַייבְן, דֶעריבֶּער דַארְף מֶען דָאס גְלַייךְ פַארְטְרַייבְן אוּן נִישְׁט לָאזְן אִין זִיךְ קַיין בְּרֶעקֶעלֶע עַצְבוּת, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סֵדֶר הַנְּסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טֵבֵת תשפ״ג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, ט׳ שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָיו; חַסְדֵי הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאכְאַמָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זַיין אַ שַׁבָּת אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין אַמֶעריקֶע מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, מִיט אַ פְרִישֶׁע הִתְקָרְבוּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִיסִים בַּיי דִי נְסִיעָה, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַבִּיסְל מְצַמְצֵם זַיין אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי הֶערְלִיכֶע נְסִיעָה.

בְּמֶשֶׁךְ דִי נְסִיעָה פוּן דְרֵיי טֶעג אִיז גֶעוֶוען צְוֶועלְף שִׁיעוּרִים, פִּיל מִיט חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, רֶבִּי נָתָן אוּן מוֹהֲרָא״שׁ. אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַייִנְגֶעשְׁפַּארְט בַּיי דִי פָּאלִיצֵיי.

אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן.

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן אַמֶעריקֶע מִיטְוָואךְ נַאכְט עֶלְף אַזֵייגֶער, דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פֵיין. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ׳ן וֶועג תִּיקוּנִים, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט קָאפּ-וֵויי הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּגֶעלֵייגְט. נָאךְ דְרֵיי שָׁעָה פָּארְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְיָן אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בְּכֹחַ צוּ גֵיין צוּם מִנְיָן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט פַאר מִיר בְּיְחִידוּת, אוּן צוּרִיק אַייִנְגֶעשְׁלָאפְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אוּן וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָאנֶערְשְׁטָאג, צֶען מִינוּט פַאר פִיר. אַרָאפְּקוּמֶענְדִיג פוּן פְלִיגֶער הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אֵיינֶער אוּנְז נֶעמֶען פְּרִיוַואט, מִיר זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין צְוִוישְׁן אַלֶע. אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פֵיין, בִּיזְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גְרֶענִיץ; דָארְט הָאט מֶען אוּנְז מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין, אִיךְ דַארְף וַוארְטְן אוֹיף דִי פָּאלִיצֵיי. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָוען דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִיז דָארְט שׁוֹין גֶעוֶוען הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם ר. נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דִי פָּאלִיצֵיי אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען מַסְכִּים מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט לֵייגְן אִין דִי פָּאלִיצֵיי קַאר, נָאר אִיךְ זָאל גֵיין מִיט אִים, אוּן צוּזַאמֶען מִיט מִיר וֶועט קוּמֶען אַ פָּאלִיצֵיי. עֶר הָאט גֶערֶעדְט הַארְצִיג צוּ זֵיי, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ רָב וָואס הָאט תַּלְמִידִים; מֶען זָאל אַלֶעס מַאכְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען אִיךְ זָאל פָּארְן צוּם פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע מִיט הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר, מִיט אַ פָּאלִיצֵיי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִיךְ זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע אִין עֶירְפָּארְט, מֶען הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין אַ קְלֵיינֶע צִימֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם פָּאלִיצֵיי מַאן: "מַה פִּשְׁעִי, מַה חַטָּאתִי?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֵויְיס נִישְׁט, מֶען דַארְף וַוארְטְן אַז דִי פָּאלִיצֵיי פוּן יְהוּדָה וְשׁוֹמְרוֹן זָאלְן קוּמֶען מִיךְ חוֹקֵר זַיין".

אִינְצְווִישְׁן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט פַארְלוֹירְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע מַיין אֱמוּנָה. אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן פוּן פַארְ'ן אַרוֹיסְפָארְן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען. דֶער פָּאלִיס-מַאן הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ שְׁוַוארְצֶע קַאוֶוע אָן מִילְךְ, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל כֹּחַ. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען בֶּעטְן פוּן אֵיינֶעם אִינְדְרוֹיסְן מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ סֵפֶר, הָאט דֶער פָּאלִיצֵיי-מַאן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ תְּהִלִּים, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט דְרֵיי בַּאגְלֵייטֶער. מַיין אֵיידֶעם הָרַב נְתַנְאֵל נֵרוֹ יָאִיר, הֶחָתָן יוֹסִי ז. נֵרוֹ יָאִיר אוּן יַעֲנְקִי פ. נֵרוֹ יָאִיר. זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר צוּם פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע אִין עֶירְפָּארְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען דִי פֶּעקְלֶעךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין אַבִּיסְל אוֹיף סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אִיךְ וֶועל דִיר דָאס שְׁרַייבְּן אִין אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ פָאר קַיין טְבֶרְיָ' גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער

נייעם בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, די שִׁיעוּר הָאט גֶעדַארְפְט פָארְקוּמֶען אוּם נַיין אַזֵייגֶער, די גַבָּאִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ זָאגְן; זָאל מֶען זָאגְן דֶעם עוֹלָם אַהֵיימְגֵיין אָדֶער נִישְׁט, מֶען הָאט גֶעהָאפְט אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג. לְמַעֲשֶׂה, בִּיז די פָּאלִיצֵיי, די חוֹקְרִים - זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אוּן גֶעשְׁלֶעפְּט.

די חֲקִירוֹת הָאט גֶענוּמֶען אַפָּאר שָׁעָה. בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם הָאט מֶען מִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין עֶלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, מֶען הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן מַיין פַּאסְפָּארְט.

וָואס אִיז גֶעוֶוען? אֵיינֶער הָאט מְפַרְסֵם גֶעוֶוען אִין די נַייעֶס חֲדָשִׁים פְּרִיעֶר אַז אִיךְ הָאבּ אַ שַׁייְכוּת מִיט דֶעם בָּחוּר מ. ק. וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן שׁוֹין כִּמְעַט אַ יָאר, וַוייל די לֶעצְטֶע פְּלַאץ וואו מֶען הָאט אִים גֶעזֶען אִיז גֶעוֶוען פַארְיָאר וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַ חֵלֶק יְשִׁיבָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אוּן צוּ די הֲקָמַת הַמַצֵּבָה פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה.

אֵיידֶער די חֲקִירוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט הָאבְּן זֵיי מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ בִּין מַסְכִּים צוּ מַאכְן אַ פַּאלִיגְרַאף; אַ טֶעסְט מִיט אַ מַאשִׁין אוֹיבּ אִיךְ זָאג אֱמֶת. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט "אַוַודַאי", וַוייל וָואס אִיז דָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אִיךְ זָאג דָאךְ נִישְׁט קַיין לִיגְנְט. זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אִיךְ זָאל קוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי מַאכְן דֶעם פַּאלִיגְרַאף.

הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסְן עוֹרֵךְ דִין, דֶער לוֹיעֶר הָאט גֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן פָּאלִיס סְטֶעיְשְׁן, עֶר הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי די חֲקִירוֹת וּדְרִישׁוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, אוֹיךְ פוּנֶעם מָארְגְנְדִיגְן טָאג, פוּן די פַּאלִיגְרַאף; הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן", אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען ווִיל מִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ פַּאסְטְקֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן. עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶעם חוֹקֵר אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט דָא גֶעטוּן נֶגֶד זֵייעֶר חֹק.

אִינְדְרוֹיסְן הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט די טֵייעֶרֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אִינְגֶעלַייט, די גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם. יִצְחָק ש. נֵרוֹ יָאִיר, שִׁמְעוֹן ע. נֵרוֹ יָאִיר

און יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר. מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט זִיךְ צוּ זֶען אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעקוּקְט אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפה): "וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ׳ יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה", ווִי מֶער מְנִיעוֹת מֶען הָאט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק - אַלְץ מֶער קְדוּשָׁה בַּאקוּמְט מֶען; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עַיֵּין בְּרָכוֹת ה.): "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֵינוֹ נִקְנֵית אֶלָּא בְּיִסּוּרִין"; ווִי מֶער מֶען גֵייט אַרִיבֶּער - אַלְץ מֶער קְדוּשָׁה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען.

יֶעצְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פְרִיעֶרְדִיגֶע מָאל, וֶוען אִיךְ קוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס אַלְץ מִיט יְסוּרִים. זַייט מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק, צְפַת, בְּרַאקְפֶעלְד אוּן יֶעצְט דִי נֵייעֶ שׁוּל אִין טְבֶרְיָ׳ - אִיז אַלְץ דָא פַאר מִיר גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אַז מֶען מַאכְט פוּן דִי מְנִיעוֹת - נְעִימוֹת.

בִּשְׁעַת דִי חֲקִירוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען מִיט אַ פַּארְמַאכְטֶע מוֹיל, בַּיי יֶעדֶע פְרַאגֶע וָואס זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט הָאבּ אִיךְ גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט מִיט פַארְמַאכְטֶע לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס ווִילְן זֵיי פוּן מִיר? וָואס הָאבּ אִיךְ דָא חוֹטֵא גֶעוֶוען אַז מֶען נֶעמְט מִיךְ מִיט פָּאלִיצֵיי? מֶען גֵייט מִיךְ דָא אַיינְשְׁפַּארְן..."**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט דֶעם סִיפּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין זוּן אוּן מֶען הָאט אָפְּגֶעוַוארְט מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אִים צוּ שְׁלָאגְן. רֶבִּי נָתָן אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין וַואלְד זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן זֵיי, נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאפְן זִינְגֶען אִין וַואלְד דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען אוֹיף אֵשֶׁת חַיִל, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט און אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט, וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען..." און רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט׳עֶר בַּעַל עֲגָלָה, אַ פְּרָאסְטֶער טְרֶעגֶער - וֶוען עֶר גֵייט חֲתוּנָה מַאכְן זַיין קִינְד - הָאט עֶר אַ שֵׁיינֶע קַבָּלַת פָּנִים,

אִיז וָואס קוּמְט מִיר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים", אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מוּז זַיין, נָאר וַוייל אִיךְ רֶעד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט לַיידְן". דֶער לוֹיעֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דוּ גֵייסְט נִישְׁט מַאכְן דֶעם פַּאלִיגְרַאף", עֶר וֶועט אָנְגְרֵייטְן זוּנְטָאג אִין זֵייעֶר בֵּית הַמִּשְׁפָּט אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְפָּארְן בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ מוּז שׁוֹין פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן מִירוֹן, אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן יַעְנְקִי פ. אַז אִיךְ ווִיל פָּארְן גְלַייךְ קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען אַהֵיימְגֶעפָארְן אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין יַבְנְאֵל. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ גַאז סְטַאנְצְיֶע, אוֹיפְ'ן שָׁאסֵיי נוּמֶער זֶעקְס, נֶעמֶען גֶעז. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען תְּפִלַּת עַרְבִית בִּיחִידוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב פַאר חֲצוֹת.

אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ פְּלַאן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט סַאךְ אַ בֶּעסֶערֶע פְּלַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַבִּיסְל וֵוייטָאג בַּיים הַארְץ, אִיךְ הָאבּ דָאס גְלַייךְ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, צָרָה לָאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, "נִתְקַבְּצִים כָּל הַדָּמִים וְעוֹלִים אֶל הַלֵּב", לוֹיפְן אַלֶע בְּלוּט צוּם הַארְץ זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן.

בְּעֶרֶךְ צְוֵויי אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן דְרַייוֶוער: "וֶוען אֵיינֶער אִיז נָאוֹשֶׁעס, עֶס אִיבְּלְט אִים, בֶּעט עֶר דֶעם דְרַייוֶוער 'פָאר שְׁנֶעלֶער, וַוייל אִיךְ גֵיי כִּמְעַט אוֹיסְבְּרֶעכְן', אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פָאר שְׁנֶעלֶער וַוייל אִיךְ גֵיי שׁוֹין אוֹיסְפְּלַאצְן אִין אַ גֶעוֵויין, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן", אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר'ן

מִיךְ מְקָרֵב זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פַארְ'ן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" אוּן "שְׁכֹּחַ מוֹהֲרָא"שׁ" פַארְ'ן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, פַארְ'ן מִיךְ וַוייזְן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה וְכוּ' וְכוּ'.

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָ' צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אֵיידֶער אִיךְ מַאךְ זִיךְ רֵיין דִי שִׂיךְ, אִין יַבְנְאֵל אִיז מִיר גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט דִי שִׂיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אִין יַבְנְאֵל, אוּנְטְן פוּן דִי טְרֶעפּ וואוּ מֶען גֵייט אַרוֹיף צוּם צִיוּן. מִיר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אָפְּגֶערֵייניִגְט דִי שִׂיךְ, ווייל אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק - גֵייט מֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַכְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע תְּפִילוֹת, אוּן פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן.

צוּם עֶרְשְׁט בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע אוֹיבְן אוֹיפְ'ן בַּארְג, הֶעכֶערְן קֵבֶר פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר. עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שִׁירֶעם זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן דִי רֶעגְן. הֶעכֶער דִי צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע אִיז דָא אַ דֶעכְל זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן רֶעגְן, מִיר הָאבְּן דָארְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דָארְט צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן וַוייטֶער דֶעם פֵּירוּשׁ חָזִית אִישׁ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, אִיךְ הָאבּ לְכַתְּחִלָּה גֶעוָואלְט מְסַיֵים זַיין אִין דִי מְעָרָה תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי זֶעקְס אַזֵייגֶער. אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל - אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיף רְחוֹב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב. עֶס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִיק; וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קיא.): "אֶחָד מֵעִיר מְזַכֶּה כָּל הָעִיר", אַז מֶען זֶעט אֵיינֶעם זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - ווִילְן אַלֶע זַיין וִוי אִים. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט מַאכְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן דָאס פְרִישְׁקֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט פָּשׁוּט, אַלֶע מִיט אַזַא שִׂמְחָה אוּן הִתְחַדְּשׁוּת, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ צוּגֶעפָארְן מִיט אַבְרָהָם נָחוּם נֵרוֹ יָאִיר צוּ מִשְׁפַּחַת בּוֹרְשְׁטֵיין שֶׁיִּחְיוּ. אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אַמֶערִיקֶע אַ מַתָּנָה, אַ שְׁפִּילְצֵייג פַאר דִי קִינְדֶער. פַאר זֵיי הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטּוֹב, בַּיי זֵיי הָאט זִיךְ אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן. בְּעֶרֶךְ פִיר יָאר צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר, אוֹיךְ הָאט מָרַת בּוֹרְשְׁטֵיין אָנְגֶעהוֹיבְן דָאס אַרוֹיסְשִׁיקְן יֶעדְן טָאג חִיזוּק יוֹמִי, אוּן אוֹיךְ דָאס מְתַרְגֵּם זַיין.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי דִירָה; הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הָאט גֶעזָארְגְט פַאר אַ דִירָה פַאר מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט לְכָבוֹד שַׁבָּת.

נָאכְמִיטָאג הָאט שִׁמְעוֹן עוֹזֵר מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פֵיינֶע וַוארֶעמֶע קוּגְל. אִין מִקְוֶה בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גֵיין, אִיךְ הָאבּ אִינְזִין גֶעהַאט אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע טְבִילָה לְכָבוֹד שַׁבָּת.

***לֵיל שַׁבַּת פָּרָשַׁת שְׁמוֹת***

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין שׁוּל אִיז גֶעוֶוען שׁוֹמְרִים צוּ הַאלְטְן סֵדֶר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין גְרוֹיסֶע גֶעדְרֶענְג, עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן

אַלֶע שְׁטֶעט; פוּן בְּנֵי בְּרַק, טְבֶרְיָ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ, בְּרַאכְפֶעלְד, חֵיפָה, יַבְנְאֵל, צְפַת וְכוּ׳. דֶער גַבַּאי יִצְחָק הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען קַבָּלַת שַׁבָּת. אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַמֶעריקֶע אַפָּאר גֶעסְט, אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר, אוּן מָאטִי פוּן שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ יִשְׂרָאלִי.

דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִין דִי דִירָה וואוּ מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי גַבָּאִים אַז אִיךְ וִויל עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן הַפָּצָה, פַארְיָאר הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן מִיט בָּחוּרִים, וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס בַּאזוּנְדֶערְס פַאר דִי מְפִיצִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, אִיךְ הָאף אַז אֵיינֶער פוּן זֵיי וֶועלְן אָפְּשְׁרַייבְּן דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדָה.

דִי בָּאטֶע אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, אַנְדֶערְשׁ וִוי פַארְיָאר. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי גַבָּאִים זָאלְן וָואס וֵוייניגֶער אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר גֵיין אִין אַ זַאל, עֶנְדֶערְשׁ וִויל אִיךְ זַיין אִין שׁוּל; דֶער יְרוּשָׁלַיִם׳עֶר שׁוּל הָאט דָאךְ אַלֶע טַעֲמִים, מָלֵא חֵן, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם אֲוִיר הַזַּךְ וְהַנֵּחַ.

מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן גֶערֶעדְט בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה. אִיךְ קֶען זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט. אִיךְ בִּין יֶעצְט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן אִין יְשִׁיבָה צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינֶער וֶועט אָפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן דָאס אָפְּדְרוּקְן, וַוייל דִי דְרָשׁוֹת פוּן שַׁבָּת אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים.

***שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי***

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, זִיבְּן אַזֵייגֶער, אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל אוּן מֹשֶׁה רָאזֶענְבֶּערְג מִיךְ בַּאגְלֵייטְן צוּ דִי מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם דַאוֶוענֶען מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. פַאר׳ן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, וַוייל עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע בָּחוּרִים מִיטְהַאלְטְן דֶעם שַׁבָּת - וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט קֵיין אִידִישׁ. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט צוּ קֶענֶען עֶפֶּעס מִיטְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעבֶּעטְן

נָאךְ דִי בָּאטֶע אוֹיב אִיךְ קֶען רֶעדְן בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אַבִּיסְל אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מִישְׁן דִי שִׁיעוּר - אִידִישׁ מִיט לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר'ן דַאוֶונֶען.

אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אָבֶּער אַלֶע דִיבּוּרִים אוּנְזֶערֶע זֶענֶען פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין - יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סוֹף מַעֲשֶׂה מִבֶּערְגִיר וְעָנִי) וָואס אִיז דִי סִימָן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער? דֶער וָואס וֶועט זָאגְן (בְּרֵאשִׁית נ, כה): "פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם", עֶר אִיז דֶער גוֹאֵל אֲמִתִּי; אוֹיב אַלֶע וֵוייסְן אַז דָאס אִיז וָואס מֶען דַארְף זָאגְן - קֶען דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמֶען אוּן דָאס זָאגְן, אִיז דָאךְ דָאס נִישְׁט קַיין סִימָן... אַזוֹי פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, מֶען קֶען זָאגְן אַז דִי קַשְׁיָא אַלֵיינְס - דָאס אִיז דֶער עֶנְטְפֶער. דָא זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען מְחַזֵק זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן זָאגְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער: **"'פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק נָאךְ הֶעלְפְן, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט"**; דָאךְ זָאגְט דָאס קֵיינֶער נִישְׁט, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט דָאס - דֶער אִיז דֶער גוֹאֵל אֲמִתִּי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - עֶר שְׁרֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל! גִּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אַ וִוינְט פוּן הָאפֶענוּנְג אוֹיף אוּנְז, אַלֶע קֶענֶען דָאס זָאגְן אָבֶּער קֵיינֶער זָאגְט דָאס נִישְׁט.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט, אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט דֶער צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן שְׁרֵייט: "פָּקוֹד יִפְקוֹד", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, "וַיַּאֲמֵן הָעָם" (שְׁמוֹת ד, לא), אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז

דָאס אִיז דֶער גוֹאֵל אֲמִתִּי, אוּן אַזוֹי אִיז הַיינְט. אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ, דָאס אִיז דֶער גֶעשְׁרֵיי פוּן רֶבִּי'ן וָואס שְׁרֵייט: "גְּוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר אִים, זָאג 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל'".

צוּ פְּסוּקֵי דְזִמְרָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אַבָּא חִיָּיא, דֶער גַבָּאִי פוּן בְּנֵי בְּרַק, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט. דִי עֲלִיּוֹת הָאט דֶער גַבְּאַי יִצְחָק שְׁמוּאֵל מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי גַבָּאִים פוּן אַלֶע שׁוּלְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ עוֹלֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גוֹמֵל. מוּסָף הָאט גֶעדַאוֶוענְט מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל, דֶער מַגִיד שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט קִידוּשׁ צוּ מַאכְן, מִיר הָאבְּן פָארְגֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מַעֲשֶׂה ג' (מְחִגֵּר). מִיר הָאבְּן בְּעִיקָר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם חִגֵּר וָואס הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט יָא ווַייטֶער צוּ פָארְן, בִּיז עֶר אִיז פַארְבְלָאנְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן אִים בַּא'גַנֶב'עֶט. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן אִין לֶעבְּן, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב, ווַייל ווִי מֶער מֶען אִיז מְוַתֵּר – אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי אִים. ווֶוען מֶען ווִיל עֶפֶּעס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל אוּן מֶען אִיז ווַייטֶער פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – רוּט דִי שְׁכִינָה בַּיי אִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נז, טו): "אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי אִים (סוֹטָה ה.), דָאס אִיז בְּעִיקָר אִינֶעם חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן; כָּל זְמַן מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זַיין בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל מֶען לֶעבְּט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל, אַלֶעס טוּט מֶען ווִי אַזוֹי עֶס אִיז גוּט פַאר זִיךְ, אָבֶּער ווֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען הָאט אַ ווַייבּ וָואס ווִיל אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען גֵיין קֶעגְן דִי אֵייגֶענֶע ווִילְן, מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּ טוּן רְצוֹן הַבּוֹרֵא – דֶעמָאלְט אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי וָואס רֶעדְן צוּ אַבְרֵכִים קֶעגְן דִי תּוֹרָה, פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, אוּן נָאכְדֶעם פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן. אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט צוּ מִיר וֵויינֶען, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מֶען הָאט אִים פַּארְפִּירְט אִין פְּרִישׁוּת, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת, עֶר וֵויינְט צוּ מִיר: "רַאטֶעוֶוע מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע"; אַלֶעס נֶעבֶּעךְ פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער שְׁרַייבְּט מִיר פָּארִיגֶע וָואךְ, עֶר אִיז אִין אַ כִּתָּה וָואס מֶען זָאגְט אִים זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן לְגַמְרֵי, עֶר זָאל נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען בֵּיינַאכְט, עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אִין פֶעלְד. עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז זַיין וַוייבּ ווִיל אַ גֶט; זִי ווִיל אַ מַאן, זִי ווִיל אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, עֶר פְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל טוּן, וַוייל דִי חֲבֵרִים פוּן דִי כִּתָּה זָאגְן עֶר זָאל זַיין שְׁטַארְק בִּיז זִי וֶועט זִיךְ בְּרֶעכְן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוְו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוְו] עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, עֶר זָאל פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ פִירְן עַל פִּי תּוֹרָה, עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

סְעוּדַת שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִין דִי דִירָה וואוּ מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים מְפִיצִים, דֶער אִינְגֶערְמַאן אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן בֶּעסְטְן אוּן שֶׁענְסְטְן.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער גַאסְט בַּיי דִי סְעוּדָה, הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אִיז גֶעקוּמֶען מִיר זָאגְן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל גֶעשֶׁעמְט, אַ אִיד אִין אַזַא עֶלְטֶער זָאל זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין, זִיךְ אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן צוּ מִיר אִינְגֶערְמַאן... עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט שֵׁיינֶע חִיזּוּק פוּן רֶבִּי אֶפְרָיִמ'ל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (סֵפֶר עֹנֶג שַׁבָּת), עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, יב): "וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט מִצְרִי, מִיטְ'ן מֵצַר יָם? דוּרְךְ "וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל", חוֹל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'זַק וְ'יַאֲמֵץ לִ'בֶּךָ, נָאר דוּרְךְ הִתְחַזְּקוּת, זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - קֶען מֶען זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְ'ן מִצְרִי.

אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, פַארְוָואס מֶען

דַאוֶונְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל נָאךְ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע; וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען הֲלָכָה, זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן אִיךְ זָאל וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זַיין אֵיידֶעם מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל אוּן זַיין טָאכְטֶער, בֵּיידֶע פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זַיין טָאכְטֶער אִיז אַ לֶערֶערִין בַּיי אוּנְזֶער שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם.

***מִנְחָה אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת***

דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן מִיךְ בַּאגְלֵייט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיךְ נֶעמֶען צוּ מִנְחָה אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. דֶער דַיָין פוּן יַבְנְאֵל, הָרַב הַגָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה קוֹרְץ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן עַלִיָ' בַּיי מִנְחָה.

שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט דִיבּוּרִים חַמִים, גַּחֲלֵי אֵשׁ, פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יא): "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם", ווִי קֶען זַיין מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן לְעָפָר - צוּ תַּבְנִית הַתּוֹרָה? יוֹחָנִי אוּן מַמְרֵא הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען עַם יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען בְּשִׁפְלַ הַמַדְרֵגָה, וָואס זֶענֶען אִין דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה - צוּ הַר סִינַי, צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, צוּ פָּסְקוּ זֻהֲמָתָן?! קֶען דֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַ אִיד וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל נָאךְ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן? זָאל נָאךְ קֶענֶען זַיין אַ צַדִיק?

הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי", יָא מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּא, צוּ יְחוּדָא עִילָאָה אוּן יְחוּדָא תַּתָּאָה דוּרךְ "אֲמִירוֹת שֶׁל אִישׁ הַיִשְׂרְאֵלִי", אַז מֶען זָאגְט תּוֹרָה, מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא - קֶען מֶען אָנְקוּמֶען "לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֵל", צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.): "פְּתַח פִּיךָ", עֶפְן דַיין מוֹיל, דָאס מֵיינְט הוֹיבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְיָאִירוּ דְּבָרֶיךָ", עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיגֶע וֶוערְן.

גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁטִיקְל זָארְג, 'וָואס

גֵייט זַיין? וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן?׳ וַוייל דִי חוֹקְרִים, דִי פָּאלִיצֵיי – הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיב אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטֶעלְן פַארְ׳ן פַּאלִיגְרַאף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט – וֶועט מֶען מִיךְ נָאכְאַמָאל נֶעמֶען פַאר חֲקִירוֹת אֵיידֶער אִיךְ פָּאר אַהֵיים. אַ גַאנְץ שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אָבֶער פְּלוּצְלוּנְג מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעזָארְגְט.

נָאךְ הַבְדָּלָה בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעפָארְן מִיטְ׳ן גַבְּאַי שִׁמְעוֹן עוֹזֵר, אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים וַוארְט מִיךְ אָפּ הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם אוּן זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל זַיין גְרֵייט, זִיבְּן אַזֵייגֶער קוּמְט אַרָאפּ צוּ מִיר אַ גְרוֹיסֶער עוֹרֵךְ דִּין.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיטְ׳ן עוֹרֵךְ דִּין בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה צַייט, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן זַיין קַארְטְל אוּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיב מֶען שְׁטֶעלְט מִיךְ אָפּ – זָאל אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן, נָאר וַוייזְן דִי קַארְטְל, אַז עֶר אִיז מַיין פַארְטֵיידִיגֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין אַמֶערִיקֶע הָאבּ אִיךְ אַ קַארְטְל פוּן אַ לוֹיעֶר, אוּן אוֹיךְ דָא דַארְף אִיךְ אַ קַארְטְל פוּן אַ לוֹיעֶר; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ? וָואס ווִיל מֶען פוּן מִיר? אַז אִיךְ בִּין מְחַזֵּק בָּחוּרִים בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ פַארְבְּרֶעכֶער?"

***מְלַוֶּה מַלְכָּה***

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען תַּלְמִידִים, בִּיז נַיין אַזֵייגֶער. יִצְחָק אִיז גֶעקוּמֶען מִיךְ טְרָאגְן צוּ סְעוּדַּת מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין אַ זַאל אִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶס אִיז גֶעוֶוען שֵׁיין צוּגֶעגְרֵייט, דִי גַבָּאִים דָארְט מַאכְן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, זֵיי זֶענֶען מְסוּדָּר, מֶען זֶעט עֶס אִיז דָא אַחְדוּת צְווִישְׁן זֵיי, נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי מַצְלִיחַ.

מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן גֶעטַאנְצְן. אִינְמִיטְן דִי דְּרָשָׁה זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קִינְדֶער מַאכְן זֵייעֶרֶע סִיּוּמִים, אִין אָנְהוֹיבּ הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶס וֶועט זַיין אַפָּאר קִינְדֶער, בִּיז עֶס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען בָּחוּרִים, חֲתָנִים, אַבְרֵכִים אוּן אֲפִילוּ עֶלְטֶערֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ זֶען ווִי יֶעדֶער בַּארוּמְט זִיךְ מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת.

וֶוען דִי סִיּוּמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אִיז מֶען אַרוֹיס אִין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע טַאנְץ, "אַשְׁרֵיכֶם תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", מִיר הָאבְּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, אוּן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַפָּאר הוּנְדֶערְט יָאר לֶעבְּן מִיר נָאר בִּזְכוּת זַיינֶע

תּוֹרוֹת, זַיינֶע עֵצוֹת און שֵׂכֶל. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גוּט צוּאוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעמֶען"; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ דַארְף שׁוֹין מְקַצֵּר זַיין.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט גֶעקוּמֶען מִיךְ בַּאגְלֵייטְן צוּ דִי מִקְוֶה זִיבְּן אַזֵייגֶער. אַכְט אַזֵייגֶער הָאט מֶען גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית, עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִית, הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען לְהַכְנִיס בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ זַיין קִינְד. וֶוען זַיין קִינְד אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג, אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי שְׁקִיעָה, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט דָאס וִוי אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֶועל זַיין בַּיים בְּרִית, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוּוּסְט אַז אִיךְ קוּם, עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט דִי נְסִיעָה. עֶר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן טַלִּית בִּשְׁעַתְ'ן בְּרִית. אוֹיךְ הָאט עֶר מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרָכוֹת, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל "יוֹאֵל".

בַּיי דִי סְעוּדַּת בְּרִית הָאט אַבְרָהָם גֶערֶעדְט, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת, אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְּשׁוּת; וִוי דֶער רֶבִּי כַאפְּט אָן אַ מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין און בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלֶעצֶער. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶערֶעדְט, קֶענְסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין.

נָאכְן בְּרִית בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה. וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט פוּן הִינְטֶערְן טִיר וִוי דִי טַייעֶרֶע מְלַמְדִים לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי אַכְטֶע שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דִי פָּאר טֶעג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, שְׁלֹמֹה לֶעוִוינְזָאהן, הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטוּב בַּיי שִׁמְעוֹן עוֹזֵר. דָארְט אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע, מַמָּשׁ אַזוֹי מִיט אַפָּאר

קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן דָארְט צְוֵויי כִּיתּוֹת, צְוֵויי טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, אֵיינֶע אִיז שִׁמְעוֹן עוֹזֵר'ס אַ טָאכְטֶער, אוּן נָאךְ אֵיינֶע, הָרַב ר' שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא'ס טָאכְטֶער; זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גֶעטְרֵייִשַׁאפְט, זֵיי לֵייגְן אַרַיין דִי קִינְדֶער רֵיינֶע אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, צְנִיעוּת, וּבְעִקָּר פַארְלֵייגְט מֶען זִיךְ בַּיי אוּנְז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.

וִוי אִיר וֵוייסְט דָאךְ וָואס טוּט זִיךְ הַיינְט, מֶען שְׁטָאפְּט אָן קִינְדֶער מִיט מֶעדֶעצִין, מִיט רִיטֶעלִין וְכַדוֹמֶה; אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיי אוּנְז, נִישְׁטָא קֵיין אֵיין קִינְד בַּיי אוּנְז וָואס מִיר - דִי מוֹסָד - זָאל אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף מֶעדֶעצִין. אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט יֶעדְן קִינְד מִיט אַייזֶערְנֶע סַבְלָנוּת - זֵיי צוּ מַדְרִיךְ זַיין, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט דִי תּוֹרָה.

פוּן שׁוּלֶע בִּין אִיךְ צוּרִיק צוּ דִי אַכְסַנְיָא, אִיךְ הָאבּ אָוועקְגֶעגֶעבְּן צַייט צוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען אִין דִי דִירָה אַ שִׁיעוּר כְּלָלִי פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אוֹיךְ דֶער מְלַמֵּד פוּן טְבֶרְיָ', ר' יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר - אִיז דָארְט גֶעוֶוען. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וִוירְטִיגֶע פּוּנְקְטְן וָואס מִיר ווִילְן פוּן אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס; קֶענְסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לֵיין.

נָאכְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שִׁידוּכִים.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען מִנְחָה, נָאךְ מִנְחָה הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט דִי בְּלַאט גְמָרָא אוּן מִיט דֶעם זִיךְ גֶעזֶעגְנְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לא.): "אַל יִפָּטֵר אָדָם מֵחֲבֵרוֹ אֶלָּא מִתּוֹךְ דְּבַר הֲלָכָה".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַרוֹיסְגֶעפָארְן צוּם לוּפְטְפֶעלְד. אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דִי שׁוּל אִין בְּנֵי בְּרַק אִיז צוּרִיק אָפְּן. וָואס אִיז גֶעוֶוען? פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין אַ נַייעֶ שׁוּל, אָבֶער גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט מֶען דָאס גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן, וַוייל אֵיינֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן בֵּית דִין אַן עִקוּל אוֹיפְ'ן שׁוּל,

דִי גַבָּאִים הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט בֵּית דִין אוּן פַארְמַאכְט דֶעם שׁוּל, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען עֶפֶענֶען צוּרִיק, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען בַּאזוּכְן אִין שׁוּל. דֶער גַבְּאַי אַבָּא חִיָּיא אִיז אַרִיבֶּער צוּם בֵּית דִין אוּן גֶעבֶּעטְן, אֶפְשָׁר זָאל מֶען קֶענֶען כָאטְשִׁיג אַרַיינְגֵיין צוּ לֶערְנֶען וְכַדוֹמֶה, בֵּית דִין הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען קֶען בִּיז דֶערְוַוייל נוּצְן דִי שׁוּל, אָבֶער נִישְׁט פַּאר דַאוֶונֶען. דָאס אִיז פַּאר זֵיי גֶעוֶוען אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז אִיךְ פָאר צוּ זֵיי, עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע וֶועג וֶוען מֶען פָּארְט פוּן יְרוּשָׁלַיִם צוּם לוּפְטְפֶעלְד.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי צְוֶועלְפְטֶע שִׁיעוּר, קֶענְסְט דָאס הֶערְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן.

הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְפָּארְן אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען. חַסְדֵי הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אִין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין דַאוֶונֶען, אִיךְ גֵיי בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל, "הַגּוֹמֵל לְחַיָּבִים טוֹבוֹת שֶׁגְּמָלַנוּ כָּל טוֹב".

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאר גֶעשְׁרִיבְּן רָאשֵׁי פְּרָקִים, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן דִי גֶעפִילְן, דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ מִיטְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ.

אוֹיךְ בַּאנֵיי זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, וּבְעִקָּר מִיט "זֶה מַעֲשֶׂה שֶׁלִּי, וְזֶה מַעֲשֶׂה שֶׁלּוֹ, וְלָמָּה לְדַבֵּר מֵאֲחֵרִים".

אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן דִיר צוּ שְׁרַייבְּן. הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל פַּאר דִי פְּרוֹיעֶן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע צַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט, פְרִישֶׁע חִיזוּק; זִי דַארְף דָאךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיךְ גֵיי יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר פַּאר דִי צַאמְקוּם.

...

[דִי בְּרִיוְו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוְו בַּאצִיט זִיךְ:

**גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת, דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַלֵיינְס. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, לֶעבְּן מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג - וֶועט זַיין אַ גֶעט, דוּ וֶועסְט פַּאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְד.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, דוּ בִּיסְט עוֹבֵר אוֹיף שְׁוֶוערֶע לַאוִין, אוּן לֶעבּ מִיט אִיר. גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...